# פון
# לעצטן חורבן

ציימשריפט פאַר געשיכטע פון יידישן לעבן בעתן נאַצי־רעזשים

רעדאַקטאָר:
י. קאַפּלאַן

אַרויסגעגעבן פון צענטראַל.
היסטאָרישער קאָמיסיע ביים
צענטראַל קאָמיטעט פון די
באַפרייטע יידן אין דער
אַמעריקאַנער זאָנע.

Nr. 4

מינכען, מערץ 1947

# אינהאַלט

דער אומקום פון די יידן אין מזרח־גאַליציע ד"ר פיליפ פרידמאַן
יידיש־פוילישע זעלנער אין געפאַנגענשאַפט מענדל ליפשיץ
משערנאָוויץ — — — ד"ר יעקב אונגאַר
אין די ווייסרוסישע וועלדער (גבית־עדותן)
א. אַרום וואָלאָזשין משה מייערזאָן
ב. אין בראַסלאַווער־געגנט משה טרייסטער
ג. ביי ראַדון לייב לעווין
מיינע איבערלעבונגען בעת דער מלחמה (פון
דער סעריע קינדער אַרבעטן) דניאל בורשטין
וויגליד (געטאָ־ליד)
„בונא" (לאַגער־ליד)
נאַצי־דאָקומענטן (מיט דערקלערונגען)
בילדער פון דער נאַצי־צייט
פון שארית הפליטה־פרעסע (אַרטיקלען־רשימה)
טעטיקייטס־באַריכט
כראָניק

## פון רעדאַקציע:

מיטן איינאָרדענען אַן אייגענע זעצעריי, כאָטש דערווייל נאָך גאָר אַ קליינע, האָפן מיר, אַז אונדזער צייטשריפט וועט להבא שוין קענען דערשיינען מער רעגלמעסיק.

---

דער קומענדיקער נומער וועט זיין געווידמעט דעם

קאַצעטלער מאַרש קיין טיראָל.

MARTYRS MEMORIAL AND
MUSEUM OF THE HOLOCAUST
6505 WILSHIRE BLVD. (852-1234)
LOS ANGELES, CA 90048

Ralph Posner

# פון לעצטן חורבן

Donated by
Alex Schwartz (Kopf)
and Family

צייטשריפט פאַר געשיכטע פון ייִדישן לעבן בעתן נאַצי־רעזשים
רעדאַקטאָר: י. קאַפּלאַן

Nr. 4 — מינכען, מערץ 1947

ד"ר פיליפ פרידמאַן

## דער אומקום פון די יידן אין מזרח־גאַליציע *)

עס איז נאָך שווער ביי היינטיקן מצב פון אונדזער געשיכטע־פאָרשונג וועגן דער נאַצי־תקופה צו געבן אַן אויסשעפנדיק בילד פון חורבן־גאַליציע. מיר וועלן זיך באַמיען בלויז אין קורצע שטריכן צו סקיצירן די איינצלנע פאַזעס פון פאַרניכטונג, די וויכטיקסטע סטאַטיסטישע דאַטעס, ווי אויך צו כאַראַקטעריזירן די יסודות פון דער דייטשער יידן־פּאָליטיק און דעם מעכאַניזם פון די פאַרניכטונגס־אַקציעס.

אונטער דעם טערמין „מזרח־גאַליצישער יידישער ישוב" פאַרשטייען מיר דעם יידישן קיבוץ, וואָס האָט געלעבט אויפן דרום־שטח פון פוילן צווישן דער אַמאָליקער פויליש־סאָוויעטישער גרענעץ ביז צום טייך סאַן, דהיינו די טאַרנאָפּאָלער, סטאַניסלאַווער וואָיעוווּדזטווע און דער מזרח־טייל פון לעמבערגער וואָיעוווּדזטווע. דער גאַנצער געביט איז נאָכן 17־טן סעפּטעמבער 1939 געווען אין רשות פון ראַטן־פאַרבאַנד און איז אַריינגעפאַלן אין דייטשע הענט נאָכן 22־טן יוני 1941. זינט דעם 1־טן אויגוסט 1941 איז דער דאָזיקער געביט

*) קיצור פון אַ רעפעראַט, געהאַלטן דעם 19.XI.46 אין מינכען ביי דער הזכרה פון דעם מזרח־גאַליצישן יידנטום.

געוואָרן אַן אַדמיניסטראַטיווע איינהייט אונטערן נאָמען „דיסטריקט גאַליציע" און געווען אָנגעשלאָסן צום גענעראַל־גוווערנעמענט. אויף דעם דאָזיקן שטח האָבן געלעבט ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה (1.9.1939) אַן ערך 573.000 יידן. די דאָזיקע צאָל איז אָבער באַלד פאַרגרעסערט געוואָרן דורכן צושטראָם פון פליטים, וועלכע זיינען צוגעקומען פון מערב־גאַליציע אַנטלויפנדיק קיין מזרח פון די מלחמה־אָפּעראַציעס. עס איז שווער צו שאַצן די צאָל פון דאָזיקע פליטים. סאיז גענוג צו באַמערקן, אַז בלויז פון איין שטאָט, פון קראָקע, זיינען אַנטלאָפן אַן ערך 5 ביז 6 טויזנט יידן. נאָך דער דאָזיקער ערשטער פליטים־כוואַליע איז באַלד געקומען אַ צווייטע, אַ מעכטי־קערע. האַרבסט 1939 האָבן (לויט דייטשע מקורות) אַן ערך 300.000 יידן פאַרלאָזן דאָס דייטשע אָקופּאַציע־געביט און זיך אַריבערגעשמוגלט אויף דער סאָוויעטישער זייט. מיר זיינען זיך משער, אַז פון דער דאָזיקער גרויסער עמיגראַציע זיינען אַן ערך 120 ביז 150 טויזנט געקומען קיין מזרח־גאַליציע. אַזוי אַרום האָבן אין דער צייט, ווען די דייטשן האָבן איינגענומען מזרח־גאַליציע, געלעבט דאָרט אַן ערך 700.000 יידישע נפשות. אַ גרויסער טייל פון זיי (אַן ערך 80 פּראָצענט) האָט געלעבט אין די שטעט. די גרעסטע יידישע קהילות זיינען געווען: לעמבערג מיט 160 — 170 טויזנט יידן; סטאַניסלאַוו מיט 25 — 30 טויזנט; פּשעמישל מיט 20 — 24 טויזנט; קאָלאָמיי מיט 15 — 18 טויזנט; טאַרנאָפּאָל — 15 טויזנט; דראָהאָביטש — 15 טויזנט; באָריסלאַוו — 15 טויזנט; סטרי — 12 טויזנט און נאָך אַנדערע גרעסערע ישובים, ווי בראָדי, טשאָרטקאָוו, זלאָטשאָוו אאַז"וו.

איבער אָט די 700.000 יידן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די פאַרניכטונגס־שווערד פון נאַציזם. אין יענער צייט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין דער נאַציסטישער יידן־פּאָליטיק. ביז צום אויסברוך פון דער סאָוויעטיש־דייטשער מלחמה האָט די דייטשע עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק בנוגע יידן נאָך ניט דערגרייכט איר קולמינאַציע־פּונקט. מען האָט יידן גערודפט אויף אַלע מעגלעכע אופנים, אראנזשירט אויף זיי בלוטיקע פּאָגראָמען, באַזונדערש ביים ערשטן אַריינמאַרש אין יעדן שטעטל; עס זיינען באַגרענעצט געוואָרן זייערע בירגערלעכע רעכט און בכלל די באַרעכטיקונג צו געניסן דעם שוץ פון דער מלוכה. מ'האָט געשווירן יידישע בערד, געברענט זייערע שולן, זיי אויסגע־הונגערט, אויסגערויבט און געפּייניקט; אויף זיי אַרויפגעלייגט קאָנטריבוציעס, קאָנפיסקירט פאַרמעגנס, פאַרשפּאַרט זיי אין געטאָס; בכלל געפירט אַ פּאָלי־טיק פון ווירטשאַפטלעכן און פיזישן פּאָגראָם; פון פּאַופּעריזירן און דעקלאַסירן די יידישע באַפעלקערונג; פון פאַרניכטן איר מאָראַליש. די אַרבעטס־פעאיקע יידישע באַפעלקערונג איז געבראַכט געוואָרן צו אַ צושטאַנד פון אַרבעטס־שקלאַפן, וועלכע מען האָט געצוווּנגען צו אַרבעטן ביי אוממענטשלעכע באַ־דינגונגען אין אַרבעטס־לאַגערן, ווו זיי פלעגן אויסשטאַרבן פון הונגער,



טאַרנאָפּאָל (גאַליציע) יידישע אַרבעטער באַשעפטיקט אויפן בית־עולם אין יאָר 1943.
איבערגעגעבן דורך דער היסטאָרישער קאָמיסיע, לייפּהיים.

Tarnopol, Galicia, 1943. Jewish workers employed on the cemetery.



לעמבערג. די ערשטע טעג פון דייטשער אָקופּאַציע. יידן ווערן אין די גאַסן באַפאַלן פון אוקראינער.

איבערגעגעבן דורך אינזש. האַמער.

The first days of German occupation of Lemberg. Jews attacked by Ukrainans in the Streets.

קעלט, שווערע אַרבעט און פייניקונגען.

דאָס אַליין האָט נאָך אָבער ניט געפירט צו טאָטאַלער פאַרניכטונג, צו וועלכער די דייטשן האָבן זיך נאָך דעמאָלט אפנים ניט געוואַגט צו אַנטשליסן. פון די כמעט 3 מיליאָן יידן אין גענעראַל-גוּווערנעמענט זיינען צוליב די אַלע אויבן דערמאָנטע רדיפות „אינגאַנצן" אומגעקומען אַן ערך אַ האַלב מיליאָן. אָבער מיטן אויסברוך פון דער דייטש-סאָוויעטישער מלחמה איז דער דאַזיקער פעריאָד פון „קליין-טעראָר" און „קאַלטע פאָגראָמען" פאַרענדיקט געוואָרן. אויף דעם אָרט איז געקומען די פּאָליטיק, וועלכע די דייטשן פלעגן אָפיציעל באַצייכענען מיט דעם פאַרעווען וואָרט „ענדגילטיגע לעזונג דער יודענפראַגע". וואָס אין דער נאַצישער פּראַקטיק האָט עס געדאַרפט הייסן טאָטאַלע פאַרניכטונג. אין אַן אָפיציעלער מעלדונג צו זיינע פאָרגעזעצטע האָט אַ דייטשער העכערער ס"ס-אָפיצער (ד"ר שטאַהלעקער, לייטער פון דער אַזוי גערופענער איינזאַץ גרופּע D) בפירוש געשריבן, אַז מיט פאָגראָמען אַליין לאָזט זיך ניט לייזן די יידן-פראַגע און מען מוז זיי סיסטעמאַטיש אויסקוילן. (נירנבערגער פּראָצעס. אַקטן פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע, נר. 180 L).

בכן, אויפן אָרט פון פּאָגראָמען, וואָס האָבן געדאַרפט קומען כביכול זוי אַ סטיכישער אויסדרוק פון די אַנטי-יידישע געפילן צווישן די פאָלקס-מאַסן, איז אויפגעקומען אַ נייע פאָרם, אַ סך אַ שרעקלעכערע. דאָס איז געווען די אַזוי גערופענע „אַקציע". שוין נישט אַ ספּאָנטאַנער אויסברוך פון שנאה, וואָס איז בכוח צו פאַרניכטן צענדליקער אָדער הונדערטער קרבנות, נאָר אַ קאַלטבלוטיק געפּלאַנטע אַקציע אויף מענטשן, דורכגעפירט מיט די אַלע מיטלען פון סטראַטעגיע און מיליטערישער טאַקטיק.

דער ציל פון די אַקציעס איז געווען אַ קלאָרער — די טאָטאַלע פאַרניכטונג פון די יידן. די דאָזיקע פאַרברעכערישע פּראָגראַם איז געוואָרן באַשלאָסן משמעות שוין אין אָנהויב 1941, דעמאָלט ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען צו דער מלחמה מיטן ראַטן-פאַרבאַנד. ווי אַן ערשטן רמז וועגן דעם דאָזיקן פּלאַן קען מיין באַטראַכטן היטלערס רעדע פון 30.1.1941, אין וועלכער ער האָט געדראָט די יידן, אַז „זיי וועלן מער ניט לאַכן פון אים און זיינע נביאות". דער באַשלוס אויסצוראָטן די יידן איז אָנגענומען געוואָרן ניט אויף אַ זיצונג פון רייכס-קאַבינעט, נאָר אין אַ מסיבה פון היטלערס נאָענטסטע פּאַרטיי-פריינד. דעם אויסראָטונגס-פּלאַן האָט מען מאָטיווירט מיט פאָלגנדיקע אַרגומענטן: די יידן, בפרט פון מזרח-אייראָפּע, זיינען אָנגעשטעקט מיט באָלשעוויזם, און כדי צו באַקעמפן מיט דערפאָלג די דאָזיקע „באַצילן" פון קאָמוניזם, דאַרף מען זיי אויסראָטן לחלוטין. די געוואַלטיקע מאַשין פון יאָזעף געבעלס פּראָפּאַגאַנדע-מיניסטעריום האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן אין דייטשן פאָלק די דאָזיקע תורה. די אַנטי-יידישע העץ-פּראָפּאַגאַנדע איז באַדייטנד פאַרשטאַרקט געוואָרן אין דער פּרעסע, אין

ראַדיאָ, און פילם. אין דער פרעסע האָט מען ברייט פראָפאגירט אַזעלכע לאָזונגען ווי: „מיר ווילן באַפרייען אייראָפע פון קאָמוניסטיש־יידישן סם", „אונדזער ציל איז דאָס יידן־פרייע אייראָפע" אד"גל. געבעלס בכבודו ובעצמו איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ ריי יידן־פרעסערישע אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט בפירוש צוגעזאָגט די יידן „א משפט אָן רחמנות" און פארניכטונג. (באַזונדערש אין זיינע 2 רעדעס, וואָס זיינען אָפגעדרוקט געוואָרן דאַן אַלס לייט־אַרטיקל אין „דאַס רייך" פון 20־טן יולי 1941 און 16־טן נאָוועמבער 1941).

דאָס איז געווען די „מאָראַלישע" צוגרייטונג פון די אקציעס. מיט דער מיליטעריש־סטראַטעגישער צוגרייטונג האָט אָנגעפירט די הויפט־לייטונג פון ס"ס, ד"ה דער אזוי גערופענער „רייכס־זיכערהייט הויפטאַמט" (R. S. H.). אין דעם דאָזיקן אַמט איז געווען אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג „צו ענדגילטיגער לעזונג דער יודענפראַגע", בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען אַדאָלף אייכמאַן, דער הויפט־אָנפירער פון דעם מאָרד איבער 5 מיליאָן יידן. עטלעכע וואָכן פאַר דעם אָנהויב פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה האָט היטלער גערופן אַ זיצונג פון די קאָמאנדירן און גענעראַלן פון דער ווערמאַכט. ווו מען האָט אַרומגערעדט אויך דעם פאַרניכטונגס־פלאַן פון מזרח־אייראָפעאישן יידנטום און פעסטגעשטעלט די מיטאַרבעט פון דער ווערמאַכט אויף דעם געביט. עס זיינען געשאַפן געוואָרן פיר אַזוי גערופענע איינזאַץ־גרופן, וואָס זיינען באַשטאַנען פון ס"ס און ס"ד־לייט. זייער אויפגאַבע איז געווען צו אָפערירן הינטערן פראָנט און ליקווידירן אַלע פיינטלעכע עלעמענטן, און אין דער ערשטער ריי — די יידן. דאָרט ווו די איינזאַץ־גרופן זיינען אַליין ניט געווען בכוח דורכצופירן די אַקציעס, האָבן זיי געדאַרפט קריגן הילף און אונטערשטיצונג פון דער פאָליציי און פון דער ווערמאַכט.

---

דער פאַרברעכערישער פלאַן איז געקומען צו זיין פאַרווירקלעכונג גלייך מיטן אויסברוך פון דער מלחמה. אויך אין מזרח־גאַליציע האָבן די דייטשן באַלד מיט זייער אַריינמאַרש אָפּגעטאָן ווילדע און שרעקלעכע מעשים. אין די ערשטע טעג פון דער דייטשער אָקופּאַציע (אָנהויב יולי 1941) זיינען אין לעמבערג אונטער די שרעקלעכטע עינויים געהרגעט געוואָרן עטלעכע טויזנט יידן, וועלכע מ'האָט צונויפגעטריבן אין די תפיסות, כלומרשט צו אָפּרוימען דאָרט מתים. אונטער דעם זעלבן אויסרייד האָט מען אויך אין אַנדערע שטעט פון מזרח־גאַליציע געהרגעט אַ סך יידן. אין קאַמיאָנקי־סטרומילאָווא, אין דראָ־האָביטש, באָריסלאַוו און אַנדערע שטעט האָבן זיך אין די פּאָגראָמען באַטייליקט די אוקראַינישע פויערים, וואָס האָבן מיט קאָסעס און מיט לאָפּעטעס פאַרוווּנדעט און אוועקגעטויט יידן און צערויבט זייער גוטס. די אָקערשט גע־



ג אַ ל י צ י ע. אוקראַינישע פּאָליציסטן צווינגען יידן צו
צערשטערן מצבות אויפן יידישן בית־עלמין אין
אַ שטעטל לעבן לעמבערג. איבערגעגעבן דורך י. זעמאַן

**Galicia. Ukrainian police force Jews to destroy monuments on the Jewish cemetery in a small town near Lwow.**



לעמבערג. די ערשטע טעג פון דייטשער אָקופּאַציע. יידן ווערן אין די גאַסן באַפאַלן פון אוקראאינער. איבערגעגעבן דורך אינזש. האַמער.

The first days of German occupation of Lemberg. Jews attacked by Ukrainans in the Streets.

שאַפֿענע אוקראַינישע מיליץ האָט כמעט אין אַלע שטעט מיטגעהאָלפֿן די דייטשן אין זייערע אַקציעס. אין לעמבערג האָט אפילו איין אַקציע געטראָגן אַ נאַציאָנאַליסטיש־אוקראַינישע באַפאַרבונג, דאָס זיינען געווען די אַזוי גערופֿענע „פעטלורא־טעג” אין סוף יולי 1941 *). זייער בלוטיק און שטורמיש זיינען געווען די ערשטע אָקופּאַציע־טעג אין טאַרנאָפּאָל. דאָרט איז צווישן אַנדערע פּאַרפּייניקט געוואָרן צום טויט דער דיכטער אַלטער קאַציזנע. אין אַ ריי שטעט האָבן באַזונדערש בלוטיקע אַקציעס דורכגעפירט די אַזוי גערופֿענע ס"ס „טאָטענקאָפּף־פאַרבאַנדן”, (ווי אין זלאָטשאָוו, טשאָרטקאָוו). אין איין געביט פון מזרח־גאַליציע, אין דעם דרום־מזרחדיקן קאַנט, איז לכתחילה געווען אַ ביסל שטילער. דעם טייל האָבן לכתחילה אָקופּירט די אונגאַרן. גלייך אָבער נאָכדעם ווי די דייטשע מיליטער האָט איבערגענומען די מאַכט איבער דעם געביט, האָבן זיך אָנגעהויבן די בלוטיקע אַקציעס (למשל ווי די שחיטה פון 3400 קאָלאָמייער יידן אין דערבייאיקן שטשעפּאַנאָווער וואַלד און די בלוטיקע שחיטה פון 8000 יידן אויף סטאַניסלאַווער בית עלמין). אויך דאָ איז די אוקראַינישע באַפעלקערונג ניט געשטאַנען פונדערזייט. אין אַ ריי שטעט זיינען די פּאָגראָמען דורכגעפירט געוואָרן פון הוצולן (אוקראַינישע בערג־איינוווינער).

ווי אַ גאַנץ באַזונדערן פונקט דאַרף מען נאָך באַמערקן די אַקציע קעגן פּוילישע און דייטשע יידן, וועלכע האָבן ביז צו דער מלחמה געוווינט אין אונגאַרן. די דאָזיקע מענטשן האָט מען איצט פון זייערע וווינערטער געבראַכט אין סטאַניסלאַווער־קאָלאָמייער געגנט. דאָס רוב מנין און בנין פון זיי האָבן די דייטשן דערטרונקען אין דניעסטער.

גלייכצייטיק מיט דער פיזישער פאַרניכטונג האָבן די דייטשן אָנגעווענדעט אַלע אַנדערע מיטלען פון פיזישע, גייסטיקע, ווירטשאַפטלעכע און יורידישע רעפּרעסיעס. כמעט אויף אַלע יידישע קהילות זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן קאָנטריבוציעס אין אַ גאַנץ געהעריקער הויך. אין לעמבערג, למשל, האָט די סומע פון דער ערשטער קאָנטריבוציע באַטראָפן 20 מיליאָן רובל. אַחוץ זילבער און אַנדערע קאָסטבאַרקייטן (יולי—אויגוסט 1941). גלייך אין די ערשטע וואָכן זיינען איינגעפירט געוואָרן די אַרמבענדער מיטן מגן דוד פאַר יידן; מען האָט אָנגעהויבן כאַפּן יידן צו צוואַנגס־אַרבעט און גלייך איינגע-

*) דער אוקראַינישער פּאָגראָמשטשיק סעמיאָן פּעטלורא איז אין מאַי 1926 דערשאָסן געוואָרן אין פּאַריז פון שלום שוואַרצבאַרד, ווי אַ נקמה־אַקט פון יידן. בכן איז דער 15 יאָריקער יאָרצייט נאָך דעם אוקראַינישן „העלד” אויסגעפאַלן אין מאַי 1941. דאַן זיינען נאָך אָבער די אוקראַינער געווען אונטער די באָלשעוויקעס, אַזוי אַרום האָבן זיי דעם יאָרצייט געפּראַוועט ווי אַ נדחה אין סוף יולי 1941 ווען זייערע פריינד, די נאַציס, האָבן שוין ביי זיי געהערשט.

פירט די אזוי גערופענע אַרבעטס־לאַגערן (אַרום לעמבערג, אין סאָקאָלניקי, וויניקי, אויף יאַנאָווסקע גאַס אאַ"וו, אין דער געגנט פון זלאָטשאָוו און פּרעמישליאַנע, די לאַגערן קוראָוויצע, קאָזאַקי, לאַצקי און אַנדערע. סך הכל זיינען אונדז באַקאַנט אויפן שטח פון מזרח־גאַליציע עטלעכע און אַכציק ארבעטס־לאַגערן). אין אַ ריי שטעט האָט מען די יידן פאַרמאַכט אין געטאָס.

די אַלע רדיפות פון די ערשטע חדשים האָבן אָבער נאָך ניט דער־בראַכט צו דעם געוואונטשענעם ציל, וואָס די דייטשן האָבן זיך געשטעלט — די פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון די יידן. אין די ווינטער־חדשים פון 1941 — 1942 זיינען די אַקציעס פאַרשטאַרקט געוואָרן. עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אַ גאַנצע ריי ספּעציעל־אַקציעס קעגן געוויסע קאַטעגאָריעס. עס זיינען פאָר־געקומען אַקציעס אויף יידישע ערוובניקעס, אויף מיטגלידער פון יידישע לינקע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, אויף דער יידישער אינטעליגענץ (אין די דאָזיקע אַקציעס פלעגט זיך אָפט פערזענלעך באַטייליקן דער אויבער־קאָמאַנדיר פון דער ס"ס אין דיסטריקט גאַליציע גענעראַל־מאַיאָר קאַצמאַן, וועלכער פלעגט פאַר זיך רעזערווירן דעם אַזוי גערופענעם „ערן־שוס" פאַר די מער פּראָמינענטע קרבנות פון דער אינטעליגענץ). אין די זעלבע חדשים זיינען אויך געווען אַקציעס אויף אָרעמעלייט, אויף קינדער, אויף „אַסאָציאַלע עלעמענטן" אאַ"וו. פון מערץ 1942 הייבט זיך אָן אַ סדרה גרויס־אַקציעס, וועלכע די דייטשן האָבן „געטאַרנט" מיטן דעק־נאָמען „אויסזידלונגען" (גירושים). די צייט פאַר אַזעלכע גרויס־אַקציעס פלעגן די דייטשן מיט אַ באַזונדערן תענוג אויסקלייבן דווקא די צייט פון די יידישע יום טובים. די ערשטע כוואַליע פון די גרויס־אַקציעס איז פאַרגעקומען אַרום פסח 1942 און האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער גרויסער אַקציע אין לעמבערג. צוויי וואָכן האָט געדויערט די לעמבערגער אַקציע. זי האָט זיך געענדיקט אין טאָג פון ערב פסח און האָט אָפּגעקאָסט מער ווי 10 טויזנט יידישע קרבנות. אין דער צייט האָבן די דייטשן אָנגעהויבן צו ראַציאָנאַליזירן זייער מאַסנמאָרד־מאַשינעריע, שאַפנדיק ספּעציעלע טויט־פאַבריקן. דעמאָלט איז צום ערשטן מאָל טרויעריק באַקאַנט געוואָרן דער טויטן־לאַגער פון בעלזשעץ, ווו מ'האָט צום ערשטן מאָל אין מזרח־גאַליציע איינגעפירט גרויסע מעכאַנישע איינריכ־טונגען אויף צו אַוועקטויטן מענטשן מאַסנווייז.

אין זייער בלוטיקער אַרבעט האָבן די נאַציס געהאַט אַ מעכטיקן העל־פער אין הונגער, קעלט און קראַנקהייטן, וואָס האָבן חורבנות אָנגעמאַכט אויף דער יידישער גאַס. פאַמיליעס אָן טאַטעס און בריוט־געבערס, וועלכע זיינען דערהרגעט געוואָרן אין די אַקציעס און אַרבעטס־לאַגערן, פאַריתומטע קינדער, היימלאָזע, פאַרטריבענע פון זייערע הייזער — די אַלע זיינען געווען די קרבנות פון אָט די דריי פאַרבינדעטע פון די נאַציס.

זומערצייט, ווען איינע פון די אויסגערעכנטע דריי מכות, די קעלט, לכל הפחות, פלעגט פאַרשווינדן, האָבן די דייטשן געזאָרגט דערפאַר, אַז



גאַליציע. יידן ביי גאַסן־אַרבעט. איבערגעגעבן דורך בערמאַן.

Galicia. Jews cleaning the streets.

אַ נייע כוואַליע פון אַקציעס זאָל  ניט לאָזן אין רו די יידישע באַפעלקערונג. די אַלע בלוטיקע אַקציעס אין זומער 1942 זיינען געוואָרן פאַרשאָטנט פון דער שרעקלעכסטער און גרעסטער אַקציע אויף פוילישע יידן, וועלכע איז דעמאָלט דורכגעפירט געוואָרן טאַקע ניט אין מזרח-גאַליציע, נאָר אין וואַרשע, אָבער וועלכע האָט געוואָרפן איר בלוטיקן שיין און איר שרעקלעכע מורא אין דעם גאַנצן דייטשן אָקופּאַציע-געביט. פּונקט דעם 22-טן יולי 1942, ערב תשעה-באב, האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע אַקציע אין וואַרשע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז אָנהויב אָקטאָבער און ביי וועלכע עס זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם איבער 300 טויזנט יידן. אין דער זעלבער צייט זיינען אויך פאָרגעקומען אַ ריי בלוטיקע אַקציעס אין מזרח-גאַליציע: דעם 11-טן יוני אַן אַקציע אין טאַרנאָפּאָל, דעם 24-טן יוני די בליץ-אַקציע אין לעמבערג, פון 27-טן יולי ביזן 3-טן אויגוסט די גרויסע אַקציע אין פשעמישל (12 טויזנט קרבנות); אַקציעס זיינען געווען אויך אין דראָהאָביטש, זלאָטשאָוו, באָריסלאַוו אאַז"וו. דעם 10-טן אויגוסט האָט זיך אָנגעהויבן די גרעסטע אַקציע פון מזרח-גאַליציע אין דער שטאָט לעמבערג, וואָס האָט געדויערט ביזן 22-טן אויגוסט און, געהאַט אַלס פּועל יוצא אַן ערך 50 טויזנט יידישע קרבנות. די יידישע יום טובים האָבן די דייטשן „באַצירט" מיט אַ נייער כוואַליע פון אַקציעס. פון ראש-השנה ביז סוכות האָבן אָן אויפהער געווילדעוועט די אַקציעס אין זשידאַטשאָוו, סטאַניסלאַוו (ראש השנה), קאַלאַמיי, בראָדי (ימים נוראים), סאָקאָל, בערעזשאַני (יום כיפור), באָרשטשאָוו, קאָפּוטשיניץ, סקאַלאַ, זבאַראַזש, מיעלניצאַ, יעזשעראַני אאַז"וו.

צו יענער צייט, ווען די גרעסטע טייל פון די יידן אין מזרח-גאַליציע איז שוין געווען ליקווידירט, האָט קריגער, דער דייטשער ס"ס און פּאָליציי-קאָמענדאַנט, אין גענעראַל גוווערנעמענט אַרויסגעגעבן צוויי ציניש צירקולאַרן; ער האָט מיט די פּאַר אָרדנונגען פון 28.10.42 און 10.11.42 געשאַפן אויפן שטח פונעם גענעראַל גוווערנעמענט 54 געטאָס, דערפון 31 אין מזרח-גאַליציע. פון די 31 שטעט, וועלכע ווערן אויסגערעכנט אין דער דאָזיקער צינישער פאַראָרדנונג, זיינען אין די מערסטע פון זיי כמעט מער קיין יידן שוין ניט געווען. די צאָל יידן פאַר דעם טאָג פון 10.11.42 אין דעם גאַנצן דיסטריקט גאַליציע ווערט דורך דעם גענעראַל-מאַיאָר קאַצמאַן מיט דייטשער גענויאיקייט אָנגעגעבן אויף פּונקט 254.989 נפשות (קאַצמאַנס באַריכט צו דעם ס"ס-קאָמאַנדיר קריגער פון 30.6.1943. דאָקומענטן פון נירנבערגער פּראָצעס, דאָקומענט נר. 18 פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע).

נאָך די גרויסע מערדערישע אַקציעס פונעם יאָר 1942 איז געקומען אַ נייע פאַזע פון דער פאַרניכטונגס-קאָמאַנדע: די אַזוי גערופענע „אויס-קעמונגס"- אַקציעס און די ליקווידאַציעס. דייטשע און אוקראַינישע ס"ס און פּאָליציי-איינהייטן פלעגן אַרומשטעלן אַ געטאָ און מאַכן אַ געיעג אויף

מענטשן, אַרויסנעמען קינדער, קראַנקע, אַלטע לייט, ארבעטסלאָזע, און ליקווידירן זיי אויפן אָרט. אין אנדערע פאַלן פלעגן די מענטשן אַוועקגעפירט ווערן אין לאַגערן, ווו דאָרט פלעגט עס פאָרקומען די סעלעקציע. אַ קלענער טייל, וואָס האָט אין די אויגן פון די תליונים אויסגעזען פאַר מער געזונטערע מענטשן, פלעגט פאָרמירט ווערן אין אַרבעטס־קאָמענדעס און צעשיקט ווערן אין אַרבעטס־לאַגערן. דעם רעשט האָט מען באַמשימט אויף „שמעלץ" (אָדער „הימעלקאָמאנדאָ"), ד"ה צום טויט. אזוי האָט מען כסדר „אויסגעקעמט" אַלע געטאָס ביז עס זיינען דאָרט געבליבן כמעט נאָר די אַרבעטנדיקע „א"־יודען, „ר" און „וו" יודען (אַרבעטס־יודען, ריסטונגס־יודען און ווערמאַכטס־יודען). צום סוף האָט מען ליקווידירט אויך די לעצטע יידישע איינוווינער פון געטאָ. די דאזיקע לעצטע אַקציע האָבן די מערדער באַצייכנט מיטן טעכנישן טערמין „יודענריין". ביז 27.6.43 זיינען אין מזרח־גאַליציע דורכגעפירט געוואָרן יודענריין־אַקציעס אין אלע שטעט און שטעטלעך. איינע פון די לעצטע אַקציעס איז געווען די ליקווידאציע פון לעמבערגער געטאָ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 1.6. (20 טויזנט קרבנות). דער פועל יוצא פון די ליקווידאַציעס איז געווען, אז דעם 30.6.43 זיינען אין גאַנץ דיסטריקט גאַליציע געבליבן בלויז 21.156 יידן, וואָס זיינען געווען איינגעשלאָסן אין 20 אַרבעטס און פאַרניכטונגס־לאַגערן (לויט דעם באַריכט פון קאצמאנען). קאַצמאַן האָט אָבער דערביי געטרייסט דעם שעף זיינעם, גענעראַל קריגער, אַז „די צאָל פון די לעבעדיק געבליבענע יידן ווערט פון טאָג צו טאָג קלענער".

אין זיין חשבון האָט קאצמאן פאַרגעסן וועגן די יידן, וואָס האָבן זיך באַהאלטן אויף דער „אַרישער זייט" און פון די וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו פאַרשיידענע פאַרטיזאַנער־גרופּעס, אָדער געזוכט זיך צו ראַטעווען אין די וועלדער און בערג. דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע „אומלעגאַל לעבעדיקע" יידן איז דורך די דייטשן אַרויסגענישטערט געוואָרן. נאָך דער באַפרייאונג האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז בלויז אַ נישטיקער פראַצענט פון דעם גרויסן מזרח־גאַליצישן ישוב איז ניצול געוואָרן. איבער 2000 אָפּגעראַטעוועטע יידן האָבן זיך רעגיסטרירט ביים יידישן קאָמיטעט אין לעמבערג; עטלעכע הונדערט אין באָריסלאוו און עטלעכע הונדערט אין דראָהאָביטש; איבער 200 אין סטאַניסלאַוו; עטלעכע הונדערט אין טלוסטענדער איינציקער לאַגער, אין וועלכן עטלעכע הונדערט יידן זיינען געבליבן לעבן ביז צו דער באַפרייאונג; קלענערע יידישע גרופּעס אין טאַרנאָפּאָל, בראָדי, און אין אַנדערע שטעט. אַזוי אַרום איז דער חורבן פון דעם מזרח־גאַליצישן יידנטום כמעט אַ פולשטענדיקער. פון דעם אַמאָל בליענדיקן ישוב זיינען געבליבן קוים 1—2 פּראָצענט; אחד מעיר ושנים ממשפחה.

—— § § § ——

מענדל ליפשיץ

# יידיש־פּוילישע זעלנער אין געפאַנגענשאַפט

(זכרונות)

ט. *)

גלייך נאָך יום־כיפור 1940 האָט מען אַלע יידישע געפאַנגענע רעגיס־טרירט. און טאַקע דעם ערשטן טאָג סוכות זיינען מיר, אַ טראַנספּאָרט פון קנאפּע 1000 מאַן, 12 ביינאַכט אָפּגעפאָרן קיין האַמערשטיין (דייטשע פּאָמערן) אין סטאַלאַג 2 B. דאָרט האָבן מיר זיך געטראָפן מיט זייער פיל חברים, וועלכע האָבן אונדז מקנא געווען וואָס מיר פאָרן שוין אַהיים. צו יענער צייט האָבן די יידישע קריגס־געפאַנגענע אין האמערשטיין זיך געהאַט פיל בעסער אין פאַרגלייך מיט די יידישע קריגס־געפאנגענע פון סטאַלאַג 1 A. קודם כל האָבן זיי זיך געפילט אין לאַגער גופא פרייער. זיי זיינען געווען אויך באַשעפטיקט ביי אַרבעט און דערפאַר איז דער הונגער ביי זיי געווען ניט אַזוי גרויס. און טאַקע די פאָר טעג, וואָס מיר זיינען געווען אין דעם סטאַלאַג 2 B פון האמערשטיין, האָבן אונדז די חברים זייער פיין אונטערשטיצט, סיי מיט עסן און סיי מיט בגדים. עס איז שוין געווען דאַן גאַנץ קאַלט. אין האַמערשטיין האָט מען אונדז נאָך אַ מאָל רעגיסטרירט.

דעם 15־טן אָקטאָבער 1940 האָט מען דעם טראַנספּאָרט פון סטאַלאַג 1 A אָפּגעשיקט ווייטער. פון האמערשטיין זיינען שוין אונדזערע באַדינגונגען געווען מער מענטשלעכע. אין יעדן וואַגאָן נאָר צו 40 מאַן; 2 קילאָ ברויט מאַרש־פּלעגע פאַר יעדן. די רייזע איז געווען פאַראויסגעזען אויף 4 טעג און איז געגאַנגען אין ריכטונג פון בוג. עס איז ניט צו באַשרייבן די פרייד, וואָס האָט געהערשט ביי די יידישע געפאַנגענע, מען פאָרט אהיים! דעם גאַנצן וועג האָט מען געזונגען. די וואַך־מאַנשאַפט האָט באַהאַנדלט דעם טראַנספּאָרט גאַנץ מענטשלעך.

די בעסערע שטימונג איז ליידער גאַנץ שנעל מכולה געוואָרן. דאָס איז געשען דעם 19־טן אָקטאָבער 1940 8 אינאָוונט. מיר זיינען אָנגעקומען אויף דער באַן־סטאַנציע ביאַלאַ־פּאָדליאַסקא. יעדער איינער האָט פּרובירט דורך די קליינע פענצטערלעך אַרויסקוקן, אָבער אין דער פינצטערניש איז ניט געווען פיל צו מערקן. דער טראַנספּאָרט־פירער (אַ לייטענאַנט פון דער ווער־מאַכט) האָט זיך געדרייט הין און צוריק. עס האָט זיך געפילט, אַז ער דער־וואַרט דאָ עמעצן. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער גערויש פון דרויסן. אין די וואַגאָנעס איז געוואָרן רואיק, כדי צו דערוויסן זיך וואָס דאָ

*) פּאָריקע קאַפּיטלעך אין „פון לעצטן חורבן" נומער 3.

קומט פאַר. מען האָט גלייך באַמערקט, אַז עס זיינען געקומען אַנדערע וואַכמענער, און אויך די שפּראַך זייערע איז ניט קיין דייטשע. מאָמענטאַל עפענען זיך די וואַגאָנעס, אַלע שטייגן אויס. מען ווענדט זיך צו אונדז שוין מיט גאַנץ אַנדערע באַפעלן. איינער רעדט רוסיש, אַ צווייטער אוקראַיניש גאַנץ אָפּט הילכט אָפּ דאָס וואָרט „זשידאָווסקאַ מאָרדאַ" און נאָך ענלעכע אויסרופן. גאָר טרויעריק איז אונדז אַלעמען געוואָרן. דער דייטשער טראַנספּאָרט-פירער האָט אונדז איבערגעגעבן דעם נייעם טרמנספּאָרט-פירער. פון דער נייער וואַך קומט אַ באַפעל: מאַרשירן! קוים אָפּגעגאַנגען אַ 200 מעטער פון באַן, מען שלאָגט אונז שוין גאָר מיט די קאָלבעס, היינט זידלערייען! וואָס פאַר אַ מיליטערישע אָפּטיילונג זיינען די וואַכמענער, האָט קיינער פון אונדז ניט געוווּסט. אין גײעג און אונטער שלעגעריי זיינען מיר אָנגעקומען צו אַן אַרומגעצוימטן דריי עטאַזשיקן מויער מיט אַ שילד ביים אַריינגאַנג: יודענלאַגער... הייסט עס, אַז אנשטאט צו זיין שוין אין דער היים זיינען מיר גאָר אריינגעפאלן אין אַ נייעם גיהנום! מיר זיינען נאָך אונטער דער דייטשער הערשאפט, נאר די דירעקטע באַלעבאַטים זיינען היינט אויף אונדז אוקראַינער און רוסן...

אין דעם לאַגער האָבן זיך געפונען יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך. די יודענראַטן פון דער געגנט האָבן עס געמוזט יעדן מאָנאַט צושטעלן אַ געוויסע צאָל יידן אהער. די באַדינגונגען אין לאַגער זיינען געווען שרעקלעך שלעכטע. די אַרבעט שווער, צום עסן איז געווען זייער ווייניק. היינט די שמוץ! קיינער פון די יידישע געפאנגענע איז די נאַכט ניט געגאַנגען שלאָפן, ווייל מען איז ניט געווען געוווינט צו אַזא שמוץ.

י.

אויף מאָרגן האָט מען אונדז שוין געשיקט צו דער ארבעט.

ווען מיר האבן דורכגעמארשירט די גאַסן פון ביאלא-פּאָדליאַסקאַ אין דער באַגלייטונג פון אוקראַינישע ס"ס האָבן אונדז אַלע מענטשן אָנגעקוקט: פון וואַנעט האָבן זיך דאָ פּלוצלונג גענומען פּוילישע געפאַנגענע?... אויף דעם אַרבעטס-פּלאַץ, וואָס איז געווען 3 קמ. פון דעם לאַגער, האָבן מיר זיך געטראָפן מיט יידן, וואָס האָבן דאָ געארבעט. פון דעם ערשטן געבאַפּטן שמועס מיט זיי איז אונדז באַלד קלאָר געוואָרן, ווי עס זעט אויס אין אַלגעמיין די לאַגע פון די יידן אין גענעראַל-גוווערנעמענט. די זעלבע יידן האָבן צום לאַגער ניט געהערט. זיי זיינען געווען איינוווינער פון ביאלא-פּאָדליאַסקאַ. צו דער ארבעט האָבן זיי געמוזט גיין אויפן באַפעל פון יודענראַט. עסן און שלאָפן זיינען זיי געגאַנגען צו זיך אַ היים. פאַר דער אַרבעט האָבן זיי באַקומען 52 גראָשן אַ שעה. די אַרבעט איז געווען ביים בויען אַ פלוג-פּלאַץ

(אעראָדראָם). מיט דער ארבעט האָבן אָנגעפירט מיליטער־באַאַמטע פון דער לופט־וואפע. אויך די וואכמאנשאַפט ביי דער אַרבעט איז באשטאַנען פון דער לופט־וואַפע. די ס"ס האָבן אונדז באגלייט נאָר ביז דעם אַרבעטס־פלאַץ.

אונדזער גאנצער עסן איז באשטאנען פון 250 גראַם ברויט אַ טאָג און צו ליטער זופ אינדערפרי און אינאָוונט. מיטאָג־צייט פלעגט ביי דער אַרבעט געמאכט ווערן אַ הפסקה, אָבער קיין עסן פלעגן מיר ניט באַקומען. אין אַזאַ הפסקה האָבן אונדזערע געפאנגענע געהיים אויסגעקליבן א דעלעגאַציע, וואָס זאָל אינטערווענירן ביי דער ווערמאַכט וועגן פאַרבעסערן אונדזערע באדינגונגען. די דעלעגאַציע פון דריי מאַן, מיט קאָזא בראש, האָט זיך גע־ווענדעט צום פעלדפעבל און אים דערקלערט, אַז מיר קענען ניט לעבן ביי אַזוינע באדינגונגען. מיר זיינען קריגס־געפאַנגענע און מיר פאָדערן צו בא־האנדלען אונדז ווי אַזעלכענע. דער פעלדפעבל האָט געענטפערט, אַז אין דער פראַגע קען ער אונדז גאָרניט העלפן. ער וועט די דעלעגאַציע פאָר־שטעלן פאַר דער העכערער מאכט. טאקע אויף מאָרגען איז די דעלעגאַציע פאָרגעשטעלט געוואָרן פאַר אייניקע אָפיצערן פון דער לופט־וואפע, וועלכע האָבן צוגעזאגט צו פאַראיטערעסירן זיך מיט דער זאַך. צייט עטלעכע טעג איז די לאַגע געענדערט געוואָרן. יעדער געפאַנגענער האָט באַקומען א שטרוי־זאַק, ער זאָל ניט דאַרפן שלאָפן אויף די האַרטע ברעטער. זיי האָבן אויך באפוילן דעם לאַגער־קאָמענדאַנט שוואך (Schwach) אַ ס"א־מאַן, אז ער זאָל זאָרגן א ביסל וועגן דער ריינקייט פון לאַגער. במשך פון אַ פאָר וואָכן איז געמאַכט געוואָרן אַן אַנטלויזונג. דאָס האָט דאַן געהאַט אַ גרויסע באַדיי־טונג, ווייל עס איז אפילו ניט געווען ווו זיך אַרוצוואַשן. דער גאנצער לאַ־גער פלעגט זיך וואַשן ביי אַ ברונעם. קען מען זיך פאָרשטעלן ווי דאָס האָט אויסגעזען, אַז 1000 מאַן האָבן זיך אַלע מיט איין מאָל געדאַרפט וואַשן ביי דעם ברונעם און דערצו איז די צייט נאָך געווען באַגרענעצט, ווייל מען האָט גלייך געיאָגט צו דער אַרבעט.

צו דער ארבעט האָט יעדער איינער געוואָלט גיין. צו מיטאָג פלעגט מען איצט באַקומען נאָך 250 גראַם ברויט און א מיליטערישן דייטשן מיטאָג, וואָס די דעלעגאַציע פון די קריגס־געפאַנגענע האָט אויסגעפועלט. אַ דאַנק די קריגס־געפאַנגענע האָבן אויך דאָס ביסל ציווילע יידן געגעסן פון מיטאָג און פלעגן באַקומען זופ און ברויט. מיט דער צייט זיינען זיי אָבער געוואָרן באַזייטיקט פון דער אַרבעט אויף דעם פלוג־פלאַץ. אָנהויב נאָוועמבער האָט מען זיי אַלעמען באַפרייט. דער גאַנצער לאַגער אין ביאלא־פאדליאסקא איז איצט באשטאַנען בלויז פון די קריגס־געפאַנגענע.

יידן פון ביאלא־פאָדליסקא פלעגן יעדן טאָג פון 4—6 נאָכמיטאָג זיך

קלייבן אַרום לאַגער אויף באַזוך. פיל טענטשן האָבן דאָ געהאַט זייערע באַ־קאַנטע. עס פלעגן אויך קומען שליחים פון וווילטעטיקע אינסטיטוציעס און ברענגען אַהער וואָס פאַר די פאַרשמאַכטע געפאַנגענע. דאָס אַלץ האָט אָבער גאָר ווייניק געלינדערט אונדזער איינזאַמקייט. דער געדאַנק פון צוריקבאַקומען אונדזער פרייהייט האָט אונדז ניט אַפגעלאָזן, דער זעלבער קאָזא איז מיט נאָך 2 מאַן געגאַנגען צו דעם דעמאָלסדיקן אַרבעטס־אינספעקטאָר ציטץ (Citz). זיי האָבן אים אויסדערציילט די גאַנצע לאַגע אונדזערע און געבעטן, אַז אויב ער איז ניט בכוח צו אָפשיקן אונדז אין די היימען, דאָס הייסט קיין רוסלאַנד, זאָל ער זען לכל הפחות באַפרייען אונדז אין דעם גענעראַל־גוווערנעמענט. די דעלעגאַציע האָט אים אויך דערקלערט, אַז עס זיינען דאָ צווישן אונדז פיל קראַנקע, וועלכע האָבן נאָך באַקומען צעטלען פון די דייטשע דאָקטוירים אין סטאלאג. דער אַרבעטס־אינספעקטאָר האָט צוגעזאָגט מיט דעם זיך צו אינטערעסירן.

צו יענער צייט זיינען געוווען אָנגעקומען 200 קריגס־געפאַנגענע מיט אַ טראַנספּאָרט פון האַמערשטיין. די איבעריקע 2.500 מאַן פון דאָרטן זיינען געבליבן אין לובלין אויף ליפּאָווא 7. דאָרט האָבן די יידישע קריגס־געפאַנגענע געהאַט נאָך פיל ערגער פון אונדז. דערצו האָט מען אין ביאַלאַ־פּאָד־ליאסקא נאָך געקענט אינטערווענירן; מען איז געווען אַ ביסל פרייער.

יא.

פון אונדזער גרופּע אין ביאַלאַ־פּאָדלאַסקאַ האָט מען אָנגעהויבן פּרו־בירן צו אַנטלויפן צוליב די ענדערונגען אין אונדזער באַוואַכונג איז עס בדרך כלל געפאַלן ניט צו שווער. פריער פלעגן אונדז צו 3 קמ. פון לאַגער ביז דעם ערעאָדראָם אָפּפירן די אוקראַינישע ס"ס. איין מאָל האָט זיך זיי פאַר־וואָלט צו מאַכן „אַ שפּאַס" מיט אונדז. זיי האָבן גענומען איבער דעם גאַנצן וועג אונדז יאָגן אין לויף־שריט און שלאָגן. דערגרייכנדיק דעם אַרבעט־פּלאַץ האָבן שוין פיל פון אונדז זיך ניט געקענט האַלטן אויף די פיס און די גרעס־טע מערהייט איז ניט געווען בכוח צו שטעלן זיך צו דער ארבעט. וועגן דעם איז דערגאַנגען צו דער לופט־וואַפע. אַ דעלעגאַציע פון אונדז איז ווידער אַוועק צו די אָפיצערן אינטערווענירן. פון יענעם טאָג אָן האָבן שוין די אוקראַינער אונדז מער ניט געפירט צו דער אַרבעט. יעצן פרימאָרגן פלעגן קומען צום לאַגער זעלנער פון דער לופט־וואפע און אונדז אָפּפירן צו דער אַרבעט. די פלעגן אונדז אויך באַוואַכן ביי דער אַרבעט און נאָך דער אַר־בעט צוריקברענגען אין לאַגער. ביי דער ניט צו שטרענגער וואַך האָבן אונדזערע מענטשן גענומען אַנטלויפן. מען פלעגט עס דורכפירן גייענדיק צו דער אַרבעט אָדער ביי דער ארבעט גופא. די וואַכמענער האָבן אויף דעם ניט רעאַגירט. ווען אונדזערע האָבן איינגעזעען, אַז פאַר די איבעריקע אין

לאַגער, דראָט ניט קיין געפֿאַר, האָט דאָס אַנטלויפֿן אָנגעגומען אַ מאָסן־כאַראַק־טער. ניט אַלע האָבן אָבער געקענט לויפֿן. ניט אַלע האָבן געהאַט די זעלבע מעגלעכקייטן, ניט אַלע האָבן אויך געהאַט קרובים אין גענעראַל־גוווערנעמענט. אַ גרויסער טייל איז אויך געווען אָפּגעשוואַכט. די הויפּט־זאַך איז געווען וואָס דער גרעסטער טייל האָט געשטאַמט פֿון רוסישן געביט און אַהין האָבן זיי ניט געקענט קומען אומלעגאַל. פֿון דער היים פּלעגן זיך באַ־קומען ידיעות, אַז פֿאַרן אַריינפֿאָרן אומלעגאַל ווערט מען פֿאַרשיקט קיין סיביר. אַז בײַ די דייטשן קען זיך אויסלאָזן נאָך הונדערטער מאָל ערגער ווי סיביר, האָבן מיר זיך נאָך דאַן ניט געקענט פֿאָרשטעלן. אַזוי זייַנען מיר פֿאַרפֿירט געוואָרן.

מיר האָבן זיך געווענדעט צום ביאַלער יודענראַט, אַז זיי זאָלן זיך באַמיען וועגן אונדזער באַפֿרייאונג. צו יענער צייט האָט דער ראַט דאָ וואָס געקענט אויפֿטאָן. זיי האָבן אונדז אויך צוגעזאָגט צו טאָן אין דעם ענין. ליידער האָבן זיי אָבער גאָרניט געטאָן, און ניט אָן אַ כוונה דערבײַ. דער יודענראַט האָט אויף דעם געדאַרפֿט אויסגעבן אַ גרעסערע סומע געלט. דערצו איז זיי אויך געווען וויכטיק די אַרבעטס־קראַפֿט פֿון די געפֿאַנגענע. אונדזער אינטערוועניץ האָבן מיר פֿאָרגעזעצט בײַ דעם אַרבעטס־אינספּעקטאָר.

אומגעריכט איז פֿאַר אונדז באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיסיע פֿון אַ פּאָר יידישע דאָקטוירים און אַ דייטשן דאָקטאָר. די קאָמיסיע האָט אונטערזוכט די שוואַכע און באַפֿרייט איבער הונדערט מאַן. די האָבן זיך באַזעצט בײַ זייערע קרובים אין פֿאַרשיידענע ערטער. די איבעריקע זייַנען ווייטער פֿאַרבליבן אין לאַגער. אַ גרויסער טייל האָט שוין דאַן געפֿעלט, ווייל בײַ 300 זייַנען זיך צעלאָפֿן. פֿון די אַנטלאָפֿענע האָבן זיך אויך באַקומען שלעכטע ידיעות. וועלנדיק זיך דערשלאָגן אַ היים זייַנען פֿיל פֿון זיי דערשאָסן געוואָרן בײַם גנבענען זיך דורך דער דייטש־סאָוויעטישער גרענעץ. אַנדערע האָבן געפּרוווט אַריבערשווימען דעם בוג, וואָס איז צו יענער צייט געווען די גרענעץ רוסלאַנד־דייטשלאַנד, און זייַנען אין דעם טייך דערטרונקען געוואָרן.

די געבליבענע אין לאַגער האָבן געאַרבעט אויפֿן פֿלוג־פּלאַץ. די קעלטן זייַנען וואָס אַ טאָג געוואָרן אַלץ שטאַרקער. די ערד איז געווען פֿאַרפֿרוירן, און יעדן טאָג האָט זיך די אַרבעט אויפֿן אערדראָם געקענט אָפּשטעלן. מען האָט גערעדט צווישן אונדז, אַז דאַן װערן מיר אָפּגעשיקט קיין לובלין. פֿאַר דעם האָט זיך יעדער איינער געשראָקן. מיר האָבן שוין געוווסט, ווי אונדזערע חברים לעבן דאָרט אין לובלין.

אין דער צווישן־צייט איז אין לאַגער אויסגעבראָכן אַ טיפֿוס־עפּידעמיע, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם גרעסטן טייל פֿון אונדזערע חברים. עס איז געקומען אַ באַפֿעל, אַז דער לאַגער ווערט געשפּערט און קיינער פֿון אונדז טאָר צו דער אַרבעט ניט גיין. די צאָל פֿון די קראַנקע איז געוואַקסן פֿון טאָג

צו טאָג. די מעדעצינישע הילף איז געווען זייער אַ קליינע, נאָר וויפל דער יודענראַט האָט געגעבן. עס איז נאָך געווען אַ גליק, וואָס דעם פאָרשטייער אונדזערן, קאָזאַ, איז געלונגען צו באַקומען אַ דערלויבעניש צו גיין אַלע טאָג אין שטאָט אַריין וועגן באַזאָרגן וואָס פאַר די קראַנקע. ער האָט דערביי טאַקע פיל אויפגעטאָן. ווי קריגס־געפאַנגענע האָבן מיר נאָך געהאַט די פּריווילעגיע, וואָס דער דייטשער אָבעראַרצט פון דער לופט־וואַפע פלעגט אונדז צוויי מאָל אַ וואָך באַזוכן. ביים פאַרלאַנגען עפּעס וואָס מערער פון אים פלעגט ער אָבער ענטפערן: זייט צופרידן, אַז מען לאָזט אייך ליגן אין בעט ביי אַזוינע באַדינגונגען. וואָלט איר ניט געווען קיין קריגס־געפאַנגענע, צינדט מען אייך דאַן אונטער מיט דעם באַראַק צוזאַמען.

די עפּידעמיע האָט ניט אָפּגעלאָזט. איין גרופּע האָט דעם קראַנקן־רעוויר פאַרלאָזן און אַ צווייטע איז אַריין. אַ טייל חברים, ביי 40 מאַן, וועל־כע האָבן נאָך אין זייער יוגנט דורכגעמאַכט טיפוס האָבן אויסגעמיטן די עפּידעמיע. די אַלע האָבן זיך אָרגאַניזירט און זיינען דורך איינער אַ נאַכט אַנטלאָפן פון לאַגער. דער עיקר האָבן זיי געשראָקן די קלאַנגען, אַז מען וועט אונדז פאָרט אָפּשיקן קיין לובלין. איינער פון די אַנטלאָפענע איז גע־כאַפּט געוואָרן. זיין שטראָף איז געווען איינגאַנצן 10 שמיץ, פאַרוואָס נאָר אַזאַ מילדע שטראָף — איז אונדז געבליבן ניט קלאָר.

פּאַמעלעך האָט זיך די טיפוס־עפּידעמיע גענומען איינשטילן. דאָס איז געווען אַרום מערץ 1941. עס האָט זיך שוין גענומען שפּירן דער פרילינג. קאָזאַ פלעגט אונדז יעדן אָוונט ברענגען פריילעכע ידיעות מכּוח אונדזערע באַמיאונגען צו ווערן באַפרייט. דאָס הייסט אונדזער אינטערווענץ איז נאָך אַקטועל.

### יב.

אין איין טאָג האָט אַן אָפּטיילונג פון זשאַנדאַרמעריע אַריינמאַרשירט אין לאַגער. באַלד קומט צו אונדז אַ באַפעל: „אַלעס אַנטרעטען!" אויסער די נאָך 40 קראַנקע זיינען אַלע צייט 15 מינוט שוין געשטאַנען גרייט צום אָפּמאַרש; אַרום און אַרום נאָר 270 מאַן. עטלעכע האָבן זיך באַהאַלטן, זייער פיל זיינען שוין געווען אויסגעשטאָרבן פון דער טיפוס־עפּידעמיע. קאָזאַ מיט נאָך 2 מאַן זיינען אין יענעם מאָמענט געווען אין שטאָט, און דערהערנדיק וואָס עס קומט פאָר אין לאַגער, האָבן זיי זיך אויך באַהאַלטן.

מען האָט אונדז פאַרלאָדן צו 40 מאַן אין אַ וואַגאָן. פון די וואַכמענער איז אונדז געלונגען זיך צו דערוויסן, אַז מען שיקט אונדז אין ריכטונג לובלין. אַלע האָבן זיך געשראָקן. אויף מאָרגן 8 אַ זייגער עפנט מען די וואַגאָנעס, און אַלע מוזן אַרויסגיין. מען ציילט, עפּעס שטימט ניט די צאָל. די וואַכמע־

נער טומלען זיך. מען הייסט זיך ווידער שטעלן יעדן וואַגאָן באַזונדער, לויט דער ריי, ביז מען איז דערגאַנגען, אַז פון וואַגאָן 2 פעלן 3 מאַן. מען האָט אונדז געהייסן צוריק גיין אין די וואַגאָנעס. די מענטשן אָבער פון וואַגאָן 2 האָבן געמוזט בלייבן אין דרויסן. איך בין ניט אין שטאַנד היינט צו באַשרייבן די לעבעדיקע יסורים פון אונדזערע חברים, וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען פון דער זשאַנדאַרמעריע. די איבעריקע געפאַנגענע האָט מען געהייסן זינגען, כדי מען זאָל ניט הערן די ווײ־געשרייען פון זייערע חברים. זיי האָבן זיך אויך כסדר געבעטן ביים אונטער־אָפיציר, וועלכער האָט אָנגעפירט מיטן טראַנספּאָרט: „דערשיס אונדז; צו וואָס אַזוי פיל לעבעדיקע ליידן?“ זיין ענטפער איז געווען: „איר ווערדעט ניכט געשאָסען, זאָנדערן טאָטגעשלאַגען!“

דאָס האָט אַזוי געדויערט פון 8 ביז 12. דאַן האָט מען אונדז אַלעמען פון די וואַגאָנעס אַרויסגעלאָזן. מיר האָבן זיך געפונען אויף דער סטאַנציע קאָנסקאָ־וואָלאַ ביי פולאַוו לובלינער דיסטריקט. צום לאַגער האָבן מיר נאָך געהאַט 6 קילאָמעטער. דעם גאַנצן וועג האָט מען געטריבן, געשלאָגן. די אויסגעפייניקטע חברים פון וואַגאָן 2 האָבן דאָס ניט געקענט אויסהאַלטן. זיי זיינען אַלע אויפן וועג געפאַלן. דאָס בלוט האָט פון זיי גערונען. אונדז האָט מען אפילו ניט געלאָזן צו אונטערהאַלטן זיי ביים גיין. אַ פּאָר פון די חברים, האָבן מיר באַמערקט, זיינען געלעגן אָן באַוועגונג. איינעם האָט מען מיט אַ באַיאָנעט אויסגעשטאָכן אַן אויג, אַ צווייטער איז געלעגן אינגאַנצן צעשטאָכן אָן סימנים פון לעבן.

יג.

אָנקומענדיק אין שטעטל האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ געביידע, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ קינאָ־זאַל און צוליב דעם קריגס־אויסבּרוך איז זי געווען נאָך ניט פאַרענדיקט. די באַוואַכונג פון אונדזער „אַרבעטס־לאַגער“ איז אויסגעפירט געוואָרן דורך דער יידישער פּאָליציי פון וואַרשע. דער לאַגער־שעף איז געווען אַ דייטשער ייד, ראָזענבערג, פון בערלין, זייער אַן ענער־גישער מענטש. ער האָט זיך גלייך פאַראינטערעסירט מיט אונדז. די קראַנקע און פאַרוווּנדעטע האָט ער אַריינגעבראַכט אין קראַנקן־רעוויר. אין פאַרגלייך צו ביאַלאַ־פּאָדליאַסקאַ איז אויך דאָס עסן געווען בעסער. ווען ניט די שרעק־לעכע רייזע, וואָס האָט פון אונדז גענומען פיל קרבנות, האָבן מיר געקענט זיין צופרידן פון דער ענדערונג.

אויפן צווייטן טאָג, דאָס איז געווען דעם 21־טן מערץ 1941 אינדערפרי, איז אין לאַגער אַריינגעקומען די זשאַנדאַרמעריע מיט דעם באַנדיטישן אונטער־אָפיצער און פּאַר אונדז געהאַלטן אַ מאָראַלישן רעפעראַט: צוליב די דריי לומפּן, וועלכע זיינען פאַרשוווּנדן געוואָרן, האָבן מיר עס געדאַרפט אַזוי פיל

ליידן. עס טוט אים זייער לייד, אָבער ער האָט אַנדערש ניט געקענט; ער איז דאָך פאַראַנטוואָרטלעך געווען פאַרן טראַנספּאָרט. ער האָט זיך מיט אונדז געזעגנט, און אויף דעם אָרט פון קאָמאַנדע איז געקומען אַן אפטיילונג פון ס"ד פון פולאווו. דאָס אוועקגיין פון דער זשאנדארמעריע האָבן מיר געהאַט צו פאַרדאנקען דעם לאַגער־שעף ראָזענבערג. הער ראָזענבערג האָט זיך ווייטער באַמיט, און אין 10 טעג אַרום איז אויך די גרופּע פון ס"ד אַוועק. עס איז נאָר געבליבן די יידישע פּאָליציי, ווייל אין דעם לאַגער האָבן זיך געפונען ציווילע יידן פון וואַרשע. ראָזענבערג האָט דערקלערט פאַר דעם קרייז־הויפּטמאַן, אַז ער נעמט איבער די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויך פאַר אונדז. מיר האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט.

צו דער אַרבעט האָט אונדז אַנגאזשירט אַ פירמע, וואָס בויט די אויטאָסטראַדע לובלין—וואַרשע, משמעות ווי אַ צוגרייטונג צו דעם רוסיש־דייטשן קריג. 2 מאָנאַט האָבן מיר געאַרבעט ביי דער פירמע. דאַן איז באַשטאַנען אויף אונדז די פירמע „וויס־באָק", וואָס האָט אויסגעפאַרטיקט פּאַרטיפיקאַציעס אין פולעווער קרייז. די גוטע אַרבעט פון די יידישע קריגס־געפאַנגענע איז געווען באַקאַנט אין גאַנץ לובלינער געגנט. מיר זיינען צו דער פירמע געגאַנגען אָן לוסט. די אַרבעטן זיינען דאָ געווען אייליקע און מען האָט די אַרבעטער אָנגעטריבן און געשלאָגן. קעגן לובלין, וואָס איז געווען 50 קמ. ווייט פון דאַנען און דאָרט איז געווען דער צענטער פון די יידישע געפאַנגענע, איז דאָ געווען אַ שטיקל מעלה, וואָס נאָך דער אַרבעט האָט מען געקענט זיך פרייער באַוועגן. מיר האָבן זיך אויך דערוווסט, אַז אין לובלין איז איינער פון די קריגס־געפאַנגענע אַנטלאָפן און דערפאַר האָט מען 10 חברים דערשאָסן. דאָס האָט אויף אונדז געמאַכט זייער אַ דערשלאָגענעם איינדרוק.

יד.

עס איז אויסגעבראָכן דער דייטש־רוסישער קריג. מיט גרויס שפּאַנונג זיינען מיר געשטאַנען ביי דער אַרבעט און יעדן מאָמענט געוואַרט אויף עפּעס נייס: אפשר וועלן זיך מאַקע באַלד ענדיקן די אַלע צרות!... אין די ערשטע טעג פון קריג איז אין לאַגער אַ גרויסע טייל פון אונדז ניט געגאַנגען שלאָפן. עס האָבן זיך פאַרשפרייט קלאַנגען, אַז מען וועט מיט אונדז עפּעס אָפּטאָן אַ שפּילעכל. אויף דעם אַכטן טאָג פון קריג, שטייענדיק ביי דער אַרבעט, האָבן מיר דערהערט די שרעקלעכע ידיעה וועגן גרויסן זיג פון דער דייטשער אַרמיי. די נייס האָט אונדז אַלעמען ווידער שטאַרק דערשלאָגן; די האָפענונגען זיינען צערונען. די באַדינגונגען ביי דער אַרבעט זיינען נאָך ערגער געוואָרן. אין אַ פּאָר מאָנאַט האָבן מיר די אַרבעט ביי דער פירמע „וויס־

באַק" געענדיקט.

ווינטער 1942 זיינען מיר געוואָרן באַשעפטיקט ביי פאַרשיידענע אַר־בעטן. מיר האָבן זיך גאַנץ פריי באַוועגט, און אַ דאַנק דעם האָבן מיר דעם הונגער ניט אַזוי געשפּירט. צו יענער צייט איז שוין פאַר יידן געווען שטרענג פאַרבאָטן צו גיין אין דאָרף, עפּעס קויפן אָדער פאַרקויפן. פאַר דעם האָט געדראָט טויט־שטראָף. ווען איינער אָבער פון די קריגס־געפאַנגענע איז גע־כאַפּט געוואָרן, האָט מען אים פאַרן ערשטן מאָל געשענקט און נאָר געוואָרנט אויף להבא. אַזוי אַרום פלעגט שוין שטענדיק זיין דער ערשטער מאָל... קיין אָרעם־בענדער מיט מגן־דודס האָבן מיר ניט געטראָגן. פאַר אַ דאָקומענט האָט אונדז געדינט דער נומער פון אַ קריגס־געפאַנגענעם אין לאַגער. מיט דעם נומער זיינען מיר געווען אַ שטיקל צייט באַגלויבט. אַ געוויסע צייט האָבן מיר אויך באַקומען דערלויבענישן פון אַרבעטס־אַמט צו באַזוכן אונדזע־רע חברים אין לובלין. אויך דאָרט איז דאַן די דיסציפּלין געוואָרן מילדער. און טאַקע פאַר אָט דער שטילקייט האָבן מיר זיך געשראָקן. די פּראַקטיק האָט אונדז שוין פאַר דער צייט געלערנט, אַז נאָך יעדן רואיקן מאָמענט קומט אַ שטורעם. און צום באַדויערן איז עס טאַקע אַזוי געווען.

טאַקע אין מערץ 1942 האָט זיך אָנגעפאַנגען די ליקווידאַציע פון די יידישע קיבוצים. אין קאָנסקאָ־וואָלאַ גופא איז נאָך געווען רואיק. עס האָבן אָבער געקלעקט די טרויעריקע ידיעות פון די אַנדערע שטעט און שטעטלעך. אונדז, די יידישע קריגס־געפאַנגענע, האָט מען אַרויסגעפירט אויף אַרבעט אַנדערשוווּ. אין דעם ראַיאָן ראַדאָם — דעמבלין האָט געדראָט אַ גרויסע קאַ־טאַסטראָפע פאַר דער גרויסער אויטאָסטראַדע. די ווייסל האָט דאָרט אין עטלעכע ערטער אָפּגעשווענקט די ראַנדן פון שאָסיי. האָט מען דערפאַר גע־בראַכט אַהער די יידישע געפאַנגענע, אַז מיר זאָלן עס פאַרפעסטיקן די ברעגעס פון ווייסל.

אַז די אַרבעט איז שוין געווען צום ענדע איז ווידער געקומען די פירמע ווייס־באַק אונדז נעמען צו אירע אַרבעטן. דאָס מאָל שוין ניט ביי די פאָרטיפיקאַציעס, נאָר צו אויספלאַנירן 5 קילאָמעטער פעלד אויף אויפשטעלן רעגירונגס־געביידעס. די שטימונג ביי אונדז איז געוואָרן גאָר אַ געדריקטע. מיר האָבן שוין גוט געוווּסט, אַז ביי דער פירמע שמעקט מיט קאַטאָרגע־אַרבעט. פון דער צווייטער זייט האָבן מיר זיך איבערגעטראַכט, אַז אפשר איז גאָר גלייכער צו זיין באַשעפטיקט ביי אַזאַ פירמע. דאָ קען מען זיין זיכערער מיטן לעבן, ווייס־באַק איז דאָך געווען איינע פון די גרעסטע בוי־אונטערנעמונגען אין דייטשלאַנד.

## טו.

מען האָט אונדז צוריקגעבראַכט קיין קאָנסקאָ־וואָלע אין דעם אַלטן לאַ־

גער. די שטימונג בײַ די ייִדן אין שטעטל איז געווען זייער אַ טרויעריקע. מיט צוויי טעג צוריק איז אויסגעזידילט געוואָרן דאָס שכנותדיקע שטעטל קוראָוו, און דאָס זעלבע האָט מען אויך דאָ אין שטעטל דערוואַרט. דערבײַ האָט אָבער דער אַרבעטס־אינספעקטאָר פון פולעווער קרייז — וואַגנער האָט ער געהייסן — אַליין געמוטיקט די ייִדן פון קאָנסקאָ־וואָלע, אַז זיי קענען זײַן רואיק. זיי קומען גאָרניט אין באַטראַכט. ווײַזליק זײַנע פאַרזיכערונגען איז אים געלונגען צו אויפקלערן אין די העכערע אַמטן, אַז דאָס שטעטל קאָנסקאָ־וואָלאַ באַשטייט פון בלויז אַרבעטער, און אַזעלכענע דאַרף מען האָבן. ווי אַ „גוטער פריינט" פון די ייִדן פלעגט ער כסדר קומען מיט עצות טובות צו די מיטגלידער פון יודענראַט, אַז זיי זאָלן נאָר זען צו באַשעפטיקן אַלע ייִדן, דאַן וועט זיי קיין שום שלעכטס ניט פּאַסירן. אָט די מערדערישע ראַפינירטע פּאָליטיק איז די דײַטשן כמעט שטענדיק געלונגען. אין קאָנסקאָ־וואָלא האָבן זיך נאָך די מענטשן אָנגעשטרענגט און געגעבן אַ גאָר שיינע מתנה דעם מערדער וואַגנער. געהאָלפן האָט דאָס גאָרניט.

ענדע מאַי 1942, ווען מיר זײַנען בײַטאָג געשטאַנען בײַ דער אַרבעט מיט נאָך ייִדן פון קאָנסקאַ־וואָלאַ, זײַנען געקומען צו לויפן קליינע קינדער מיט צעשראָקענע פּנימלעך און דערציילט זייערע אָנגעהעריקע, אַז אין שטעטל קומט פאָר אַן אויסזידלונג. עס איז שוין געווען שווער צו פאַרענדיקן דעם טאָג. אין אָוונט, ווען מיר האָבן צוריק מאַרשירט אין לאַגער, האָבן אונדז אויפן וועג אָפּגעשטעלט מאַנשאַפטן פון ס"ס און נאָכגעפרעגט, אויב אַלע פון אונדזער גרופע זײַנען קריגס־געפאַנגענע. באַקומענדיק אַן ענטפער אויף יאָ, האָבן זיי אונדז געלאָזט ווײַטער גיין. די ציווילע ייִדן האָבן זיי אָבער פאַרהאַלטן און אָפּגעטריבן צום באַן. ווען מיר זײַנען געקומען אין לאַגער האָבן מיר געפונען שטעטלשע ייִדן, די וועלכע זײַנען געווען באַשטימט צום טראַנספּאָרט, נאָך אײַנגעשפּאַרט דאָ. דאַן האָט מען געגעבן אַ באַפעל, אַז די קריגס־געפאַנגענע מוזן זיך אויך שטעלן צום אַפּעל, און עס זײַנען פון אונדז אַוועקגענומען געוואָרן פינף מאַן. צוזאַמען מיט די ייִדן פון שטעטל זײַנען זיי אונטער אַ האָגל פון קלעפּ געטריבן געוואָרן צו דער באַן, אַ מהלך פון 6 קילאָמעטער. דאָס שטעטל האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ פּאָגראָם. אַלץ איז געווען אײַנגעהילט אין אַ טרויער און יעדער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס איז נאָך ניט די ענדע.

אין אַ 14 טעג אַרום איז געבראַכט געוואָרן אַ טראַנספּאָרט ייִדן פון סלאָוואַקיי. מען האָט זיי באַזעצט אין שטעטל. די ייִדן האָט מען אײַנגערעדט, אַז זיי קומען אַהער נאָר אויף אַ קורצע צײַט, נאָכדעם פאָרן זיי צוריק אַ היים.

אָנהייב אָקטאָבער 1942 האָבן אויך די סלאָוואַקישע ייִדן דורכגעמאַכט

דאָס זעלבע וואָס די קאָנסקאַ־וואָלער. עס איז פאָרגעקומען אַ פולשטענדיקע אויסזידלונג. דאָס שטעטל איז געוואָרן יודען־ריין. טרויעריקע סצענעס האָבן זיך דעם טאָג אָפגעשפילט אין שטעטל. דאָס איז געווען פרייטיק אין טאָג פון הושענא רבא. וועגן אונדז קריגס־געפאַנגענע האָט זיך אויך זייער פאַראינטערעסירט דער אונטערשאַרפירער האַנקע, וועלכער האָט זיך באַרימט געמאַכט ביי דער ליקווידאַציע פון די וואַרשעווער יידן. אויף דער קורצער באַראַטונג מיט די איבעריקע קאַרפן־קעפ, וועלכע זיינען אויך געווען דאָ אָנוועזנד אויף דער שמחה, האָבן זיי באַשלאָסן נישט צו רירן אונדז. משמעות דער יונגער אויסזען אונדזערער האָט זיי אונטערגעזאָגט, אַז מען דאַרף אונדז נאָך דערווייל אויסנוצן. מען האָט אונדז אָבער אַריבערגעפירט אין אַרבעטס־לאַגער פון בודזין, לעבן קראַסניק, לובלינער קרייז. דער לאַגער איז נאָך געווען אין בויען, אינגאַנצן זיינען געשטאַנען עטלעכע באַראַקן. מיר זיינען דאָ געווען די ערשטע. די עלטסטע אין דעם לאַגער זיינען געווען 5 קריגס־געפאַנגענע יידן פון לובלין. דער לאַגער־פירער איז געווען טאַקע דער באַרימטער האַנקע. אין אָנהויב איז די באַציאונג צו אונדז מצד די 5 מאַן פון לובלין געווען נישט קיין חברשע. אַ ביסל האָט אויף זיי געווירקט די לערע, וועלכע זיי האָבן באַקומען אין לובלין. מיר האָבן פאַרלאַנגט, אַז אין דער לאַגער־אָנפירערשאַפט זאָלן אויך זיין פאַרטראָטן פאָרשטייער פון אונדזער גרופע, נח שטאַרקמאַן פון בריסק און איינער אַ קאַפלאַן. די לובלינער זיינען אויף דעם איינגעגאַנגען. אַ דאַנק דעם האָט זיך אונדזער לאַגע פאַרבעסערט. אונדזערע פאָרשטייער האָבן געגעבן צו פאַרשטיין די חברים פון לובלין, אַז זייער האַנדלונג קעגן די מענטשן אין לאַגער וועט קיין גוטס נישט ברענגען.

באַלד די ערשטע וואָך זיינען 7 חברים פון אונדז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. מיר האָבן זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן באַמיט זיי צו אויסבאַהאַלטן. ענדלעך האָט דער באַנדיט האַנקע זיך דערוווּסט און איז כלומערשט געקומען זאָגן, אַז זיי מוזן גיין זיך אונטערזוכן צו אַ דייטשן אָבער־אַרצט. ער האָט די זיבן חברים מיטגענומען. אין אַ 20 מינוט אַרום האָבן מיר דערהערט שיסן. מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז די קוילן זיינען געצילט אין אונדזערע יונגע חברים. דאָס האָט אונדז דערדריקט. אויך די חברים פון לובלין האָבן איינגעזען, אַז וועגן דעם טיפוס מוז מען דאָ וואָס טאָן. ווען נישט, וועלן נאָך פאַלן ווער ווייס וויפל קרבנות. אין לאַגער זיינען דאַן אחוץ אונדז געווען אויך ציווילע יידן. די חברים פון לובלין זיינען אַוועק צו דעם האַנקע און געבעטן מען זאָל מאַכן אַ קראַנקן־רעוויר. ער האָט זיי דערקלערט, אַז ביי אים זיינען נישטאָ קיין קראַנקע און געזונטע. קען איינער נישט אַרבעטן דאַרף ער נישט לעבן. זיי זיינען אָבער נישט אָפגעשטאַנען, און אַ דאַנק זייער ענערגיע איז

דאָך געשאָסן געוואָרן אַ קראַנקן־רעוויר, וואָס האָט בשעתו געראַטעוועט פיל מענטשן.

מז.

מיט דער צייט איז ווידער געשען ביי אונדז אַן ענדערונג. אויף דעם אָרט פון דעם האַנקע איז געקומען דער באַוווסטער מערדער פייקס. ער האָט גלייך געגעבן אַ באַפעל צו גראָבן גריבער. פינף גריבער האָט מען געמוזט מאַכן. דאָס איז דעם עולם גאָרניט געפעלן געוואָרן. עפּעס אַ בייז געפיל האָט יעדערן וואָס אונטערגעזאָגט. די יידישע עלטסטע האָבן אפילו פּרובירט באַרו־איקן. זיי האָבן אונדז דערציילט, אַז זיי האָבן וועגן די גריבער גערעדט מיט דעם אָבערשאַרפירער פייקס, האָט ער זיי וועגן דעם דערקלערט: „אום גאָטס ווילן! וואָס פאַלן אייך גאָר איין אַזעלכע געדאַנקען? די גריבער זיינען ספּעציעל פאַר מיסט.” אַזוי האָט פייקס פאַרזיכערט, און שבת דעם 5־טן זיינען 105 יונגע יידן אויף דעם באַפעל פון אים גופא געוואָרן דערשאָסן און אַריינגעוואָרפן אין איינע פון אָט די „מיסט־גריבער”.

די פינף יידישע קריגס־געפאַנגענע פון לובלין האָבן דאַן גענומען איינ־זען, אַז קיין יחסנים יידן זיינען ניטאָ ביי די דייטשן. אויך זייער ריי קען קומען. זיי האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן, זיך פאַרשטענדיקט מיט זייערע חברים פון לובלין. אונדזער גרופּע פון קאַנסקאַ־וואָלאַ האָט דאָס באַמערקט מיר האָבן געהאַט מיט זיי אַ קורצן געשפּרעך. זיי האָבן אונדז צוגעזאָגט, אַז ווען עס וועט קומען דער ענטגילטיקער מאָמענט, וועלן זיי אונדז געבן צו וויסן. עס זיינען פאַרביי נאָך עטלעכע טעג. די לופט אין לאַגער איז געוואָרן אַלץ געדיכטער. יעדן טאָג האָט פייקס מיט דער הילף פון די אוקראַינישע ס"ס־וואַכמענער זיך אויסגעזוכט זיינע אומשולדיקע קרבנות. דער איז אים ניט געגאַנגען גלייך, יענער האָט דאָס היטל ניט אַראָפּגענומען ווי געהעריק. אַזעלכע האָט ער באַפוילן גלייך צו דערשיסן.

דעם 15־טן דעצעמבער 19 2, קומענדיק פון דער אַרבעט, האָבן מיר באַמערקט ווי די פינף מאַן פון לובלין זיינען אָנגעטאָן אין די מאַנטלען און באַמיען זיך, אַז דער אָוונט־ברויט זאָל ווי שנעלער פאַרטיילט ווערן און אַלע זאָלן שוין אַריינגיין אין די באַראַקן. ביי אַ טייל פון אונדז איז דאָס גלייך געווען פאַרדעכטיק. עטלעכע פון אונדז האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף אַריינ־גיין און זיי פרעגן. אגב האָבן זיי דאָך אַ סך מער פאַרבינדונגען פאַר אונדז. פון צייט צו צייט פלעגן זיי זיין אויך אין לובלין. ווען אונדזעריקע זיינען אַריין צו זיי אין צימער, האָבן זיי שוין קיינעם ניט געטראָפן. אין אַ מינוט 15 אַרום האָט שוין דער גאַנצער לאַגער געוווסט, אַז 6 קריגס־געפאַנגענע זיינען אַנטלאָפן. אויך קאַפּלאַן איז מיט זיי אַוועק. שטאַקמאַן איז אָבער מיט

אונדז געבליבן. ער האָט אונדז שפּעטער דערציילט, אַז אויך אים האָבן זיי געוואָלט מיטנעמען. ער האָט זיך אָבער ניט געקענט באַשליסן. זיי האָבן אים אפילו געהייסן גריסן די אַלע חברים קריגס־געפאַנגענע און זיי איבערגעבן, אַז צוליב דער אומגעריכטער לאַגע איז אָפּגעפאַלן זייער פּלאַן צו אַנטלויפן צוזאַמען מיט די איבעריקע חברים.

די לאַגע ביי אונדז איז געוואָרן געשפּאַנט ביז גאָר. יעדער איינער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָ וועט מען אומברענגען דעם גאַנצן לאַגער. מען איז געפאַלן אויפן געדאַנק צו מעלדן אַליין דעם אָבערשאַרפירער. עס זיינען שוין דאַן געווען פאַרביי אַ גוטע פּאָר שעה נאָך זייער אַנטלויפן און קיין דירעקטע געפאַר פון דער מעלדונג האָט זיי שוין ניט געקענט דראָען. נח שטאָקמאַן איז עס מיט דער שליחות אַוועק צום אָבערשאַרפירער פּייקס. מיט גרויס אומגעדולד האָבן מיר אַלע געוואַרט אויף זיין צוריקקומען. און ווי איבעראַשט זיינען מיר געווען, ווען שטאָקמאַן איז געקומען מיטן ענטפער, אַז פּייקס האָט אים געהייסן באַרואיקן די מענטשן. עס וועט זיי גאָרניט געשען: בכלל קען דאָך ניט זיין איינער פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן צווייטן און בפרט נאָך, ווען מען האָט אים גלייך וועגן דעם געמאָלדן. מען איז ביסלעכווייז געגאַנגען שלאָפן, אָבער דאָך ניט מיט דער פולער זיכערקייט. דער דזשענטעלמאַן איז אונדז שוין געווען גוט באַקאַנט.

צו מאָרגנס גאַנץ פרי האָט ער דורכגעפירט אַ קורצע אויספאָרשונג און דער עולם איז אַוועק צו דער אַרבעט. געאַרבעט האָט מען דאַן אין די הענקעל־פאַבריקן פון אַעראָפּלאַנען, 3 קמ. פון לאַגער. די קליינע גרופּע, וואָס איז געבליבן אין לאַגער ביי די פאַרשיידענע אַרבעטן, האָט אַלץ צווישן זיך געשמועסט וועגן די לעצטע געשעענישן. עס האָט זיך ניט געגלויבט, אַז פּייקס זאָל אַזאַ מעשה גלאַט דורכלאָזן. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי אַרום דעם לאַגער. קיינעם האָט מען נישט געזען, נאָר די אוקראַינישע ס"ס־וואַכמענער זיינען געלאָפן מיט אַ פרייד. מען האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן עפּעס אַ שטיקל נצחון. מיט אַ מאָל הערט מען שוין ווי זיי זאָגן: „הא, הא, מיר האָבן זיי דערטאַפּט!..." טויטע זיינען מיר געוואָרן. מיר זעען שוין פון וויטן ווי מען פירט 3 נאַקעטע מענטשן. ווער זיי זיינען — קענען מיר ניט אונטערשיידן. מען פירט זיי אַריין אין לאַגער אונטער דער באַגלייטונג פון אַ גאַנצער עסקאַדרע ס"ס. יעדער פון זיי האָט אויסגעפירט זיין מצוה איבער די דריי לייבער פון די יונגע מענטשן, וועלכע זיינען שטאָלץ געשטאַנען קעגן זייערע מערדער. דער הויפּט־העלד פּייקס איז זיך געשטאַנען מיט אַ שמייכלדיקן פּנים, געשעפּט נחת פון זיינע אויסגעצייכנטע תלמידים, וועלכע פירן אויס זיין באַפעל מיט אַזאַ פלייס. מיט שטעכל־דראָט האָבן זיי געשמיסן איבער די נאַקעטע קערפּערס און באַזונדערש איבער די געשלעכטס־אָרגאַנען. מיר דערוויסן זיך, אַז דאָס זיינען יידישע קריגס־געפאַנגענע פון

לובלין, וועלכע האָבן געאַרבעט בײַ אַ מיליטערישער פירמע. זיי האָבן זיך עס צונויפגערעדט צו טרעפן מיט אונדזערע 6 מאַן, וועלכע זיינען נעכטן אַנטלאָפן. זיי זיינען אָבער אפנים נים געקומען אויף דעם ריכטיקן אָרט, און זיך אַזוי אויסגעמיטן. זיי זיינען געווען פינף מאַן און האָבן געוואָלט דורכן טאָג זיך אויסבאַהאַלטן אין וועלדל נים ווייט פון לאַגער. עס האָט זיי אָבער ווער באַמערקט און גלייך געמאָלדן. די ס"ס האָט זיי באַלד אויפגעזוכט. זיי האָבן אָבער געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, 2 פון זיי זיינען אין וואַלד געפאַלן, און די איבעריקע 3 מאַן האָט מען עס לעבעדיק געבראַכט אין לאַגער אריין.

ביז היינט צו טאָג שטייען נאָך פאַר מיינע אויגן די 3 פעסט-געבויטע קערפערס, וואָס דער באַנדיט פייקס האָט געגעבן אַ באַפעל צו אויפהענגען זיי פאַר די פיס. עס הילכן נאָך אין מיינע אויערן די געשרייען, וואָס די האָבן צו אונדז גערופן: „נעמען נקמה!" ביי דריי אַ האַלב שעה זיינען זיי געהאָנגען ביז דער טויט האָט זיך אויף זיי מרחם געווען. איינער פון זיי האָט זיך נאָך לענגער געמאַטערט: דאָס האָט שוין אפילו ביים וואַכמאַן, וואָס איז לעבן זיי געשטאַנען, אַרויסגערופן רחמנות. און ווי נאָר ער האָט באַמערקט, אַז פייקס האָט פאַרלאָזן דעם לאַגער אויף אַ מאָמענט, האָט ער מיט אַ קויל פון זיין ביקס אין אים אַריינגעשאָסן. אָט אַזוי האָבן נאָך 3 חברים פון אונדז ווידער באַצאָלט מיט זייער לעבן פאַרן וועלן זיך אַרויסראַטעווען פון די נאַצישע הענט. די קרבנות זיינען נים באַערדיקט געוואָרן. זיי זיינען געבליבן ביז דער גאַנצער עולם איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. יעדער איינער האָט געמוזט אָנקוקן דעם שרעקלעכן בילד. פייקס איז געשטאַנען ווי אַ זיגער איבער די קרבנות און געפריידיקט צו אונדז מיט אַזאַ מאָראַלישן טאָן: „פאַרוואָס דאַרף מען אַנטלויפן? מען קען זיך דאָך גאַנץ גוט רואיק אויסלעבן אין לאַגער. ווען יעדער איינער וועט אויספירן זיינע באַפעלן, וועט ער קענען רואיק און זיכער איבערלעבן דעם קריג"... מיר זיינען אַלע געשטאַנען ווי פאַרגליווערטע און נאָכדעם אין טיפן טרויער זיך צעגאַנגען אין די באַראַקן. עס האָט אין יענעם אָוונט געהערשט אַזאַ שטילקיים; יעדער איינער איז געווען דורכגענומען פון דעם שרעקלעכן טויט מיט אַזוי פיל פיין און יסורים.

## יז.

פאַר אַ לאַגער-עלטסטן איז באַשטימט געוואָרן שטאָקמאַן, וועלכער האָט איינגעפירט אַ מוסטערהאַפטע אָרדנונג. ער האָט פיל געטאָן פאַר די יידן אין לאַגער בודזין, איז שטענדיק געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער לאַגער-אָנפירערשאַפט און האָט פאַרטיידיקט די הונדערטער יידן, פיל פון זיי געראַטעוועט פון טויט און פון קלעפּ. נים וויניק טראַגישע מאָמענטן האָט שטאָקמאַן געדאַרפט אַריבערלעבן, ווען אים פלעגט זיך נים איינגעבן צו

ארויסראַטעווען אַ קרבן פון פייקס הענט. אַזאַ טאָג האָט שטאָקמאַן דורכגע־מאַכט אָנהייב מאַי 1943. אַ גרופּע אוקראַאינישע ס"ס־וואַכמענער זיינען אַנטלאָפן. האָט דאָס געהייסן ביי פייקסן, אַז יידישע קריגס־געפאַנגענע האָבן זיי מיטגעהאָלפן. ער האָט גלייך אין זעלבן טאָג געמאַכט אַן אַפּעל, האָט אָפּגעקליבן דריי פון אונדזערע חברים און זיי דערשאָסן. די חברים האָבן זיך געווענדעט צו אונדזער לאַגער־עלטסטן און געבעטן: „שטאָקמאַן, ראַטעווע אונדז!..” ער איז נעבעך געשטאַנען אומבאַהאָלפן און געקוקט ווי מען שיסט זיי און ווי זיי באָדן זיך אין זייער בלוט.

ענדלעך האָבן מיר זיך דערוואַרט דעם טאָג, ווען פייקס האָט פאַרלאָזן דעם לאַגער. אַ יום־טוב האָט זיך געשפּירט ביי אונדז. אויף זיין אָרט איז געקומען אַן אונטערשטורעמפירער פון ס"ד. טאושער האָט ער געהייסן. כאָטש אויך ער האָט פאַר זיין צייט דורכגעפירט ביי אונדז ניט ווייניק עקזעקוציעס, האָט דאָך זיין אויסזען ניט אָנגעוואָרפן אַזאַ שרעק. אויך מיט שטאָקמאַנען איז ער געשטאַנען אין גוטע באַציאונגען. שפּעטער איז אויף זיין אָרט געקו־מען איינער אַן אָבערשטורעמפירער פון מיידאַנעק. עס האָבן ווידער אָנגעהויבן בלאָזן אַנדערע ווינטן. יעדן טאָג ווען די מענטשן פלעגן גיין צו און פון דער אַרבעט, פלעגן די וואַכמענער בכיוון זיי פּראָוואָצירן און דערוויל פלעגן פאַלן צו עטלעכע מענטשן. דער האָט שוין אונדז ניט געוואָלט אָנערקענען ווי סאָל־דאַטן. אַפילו ביי דעם פייקס פלעגן מיר די היטלען ניט אַרונטערנעמען, נאָר סאַלוטירן. ער האָט דאָס גלייך פאַרבאָטן. צו שטאָקמאַנען האָט ער זיך באַ־צויגן נאָך ערגער ווי פייקס, ער האָט אים איינינקע מאָל פּרובירט שלאָגן און אויך געדראָט מיט שיסן. שטאָקמאַן האָט געהאַט גענוג און לייכטע מעגלעכ־קייטן צו אַנטלויפן, אָבער ער איז געווען אַזוי איבערגעגעבן צו זיינע ברידער אין לאַגער, אַז ער האָט זיך דאָס ניט געקענט פּועלן.

עס איז געקומען דער בלוטיקער נאָוועמבער. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז פון אונדזערע 2.700 חברים אין לובלין איז שוין קיינער ניט געבליבן! מיר האָבן גלייך אָנגענומען מיטלען צו דערגיין גענוי וואָס דאָרט האָט פּאַסירט. ביז צו יענער צייט פלעגט פון אונדזער לאַגער גיין אַ פאַרפלעגונגס־וואָגן קיין .לובלין. אונדזערע חברים פלעגן זיך אָפט טרעפן מיט די לובלינער. צייט אָבער דער פּאַסירונג האָבן אונדז די דייטשן מער ניט געלאָזט מיטפאָרן. די שטימונג איז געוואָרן אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז יעדער שאָרך, יעדע באַוועגונג, האָט זיך גערוכט, אַז אָט גייט מען שוין נאָך אונדזערע נשמות...

די געפאַר איז אַ ביסל פאַרביי און עטלעכע חברים איז געלונגען זיך אַריבערכאַפּן קיין לובלין. דאָרט האָבן זיי זיך דערוווּסט פון דעם טרויעריקן סך הכול. דעם 3־טן נאָוועמבער 1943 דריי פאַרטאָג זיינען די 2700 קריגס־געפאַנגענע איבערפאַלן געוואָרן פון אַ צאָלרייכער און ספּעציעלער פאַרניכ־טונגס־קאָמאַנדע, געמישט פון ס"ס, ס"ד און פּאָליציי־זשאַנדערמעריע. די